# הליכות ושיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת נצבים וילך • י"ז- כ"ג אלול תשפ"ג לפ"ק

***יום ראשון פרשת נצבים וילך***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר לעיקוואד, והשמיע שיחת הכנה לימים נוראים לאנשי שלומינו, בבית המדרש נר ישראל.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** שטייט פאר די הייליגע טעג, בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון, אלעס וואס גייט אדורך אויפן מענטש איבערן יאר, אלעס ווענדט זיך אין די טעג פון ראש השנה ביז נאך יום הקדוש. אז מען נוצט אויס די טעג פאר תורה, עבודה, תפלה, איז מען געבענטשט א גאנץ יאר שפעטער.

**מען** לייענט אייביג פאר ראש השנה די פרשה פון כי תבוא. אין פרשת כי תבוא שטייט די מצוה פון ביכורים, די מצוה פון ביכורים איז געווען מקדש צו זיין דעם ראשית. דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א פעלד, עס איז געוואקסען דערין פירות, דעם ראשית פרי האדמה ברענגט מען פארן באשעפער, ווייל דער ראשית איז א יוד מקדש פארן אייבערשטען. גופא בתר רישא גריר (עירובין מא:). אלעס ווערט נאכגעצויגן נאכן ראשית, אז מען איז מקדש דעם ראשית פארן באשעפער, איז נאכדעם די גאנצע וואס קומט נאך שפעטער אויך מקודש.

**א** יוד איז מקדש יעדן ראשית. דאס ערשטע קינד, די בכור, האט אן עקסטערע קדושה. יעדן טאג איז ער מקדש דעם ראשית פונעם טאג פארן אייבערשטען, מען גייט נישט ארויס צו די ארבעט ביז מען דאווענט קודם. די הלכה איז אז מען טאר נישט טון קיין שום זאך, ביז מען האט נישט קודם געדאווענט (או"ח פט-ג). און דאס איז ערב ובוקר וצהרים, דעם ראשית פונעם צופרי, דעם ראשית פונעם מיטאג, און דער ראשית פונעם ביינאכט, יעדע ראשית איז א יוד מקדש פארן אייבערשטען מיט דאווענען. די יונגע יארן וואס מען האט, גיט מען אוועק פארן אייבערשטען. די ראשית ביי א יוד איז אלץ קודש לה'.

**און** יעדע יאר ווען עס קומט דעם ראשית השנה, די אנהייב פונעם יאר, איז עס א יוד מקדש, ראש השנה זיצט מען אין בית המדרש רוב פונעם טאג, מען איז מתפלל, מען דאווענט, און מען שלאפט נישט, כדי מעורר צו זיין, זיין מזל אויבן.

**און** כדי דער ראשית זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, האט מען אונז געגעבן דעם חודש אלול פארדעם. דאס איז די הכנה וואס א יוד דארף מאכן פאר דעם. מען קען נישט אריינפאלן אין ראש השנה. א יוד דארף זיך צוגרייטן, עס איז דא די טעג פון סליחות, און פאר סליחות, מען הייבט שוין אן צו בלאזן שופר פון חודש אלול, עורו ישנים משינתכם (רמב"ם ה' תשובה ג-ד), אז מען וויל מקדש זיין דער ראשית עס זאל זיין פארן

אייבערשטען, דארף מען קודם זעהן זיך צוצוגרייטן צו דעם.

*

**די** מצוה פון ביכורים הייבט זיך אן, אז איך בין נישט קיין כפוי טובה. אזוי זאגט רש"י, וענית ואמרת לפני ה' אלקיך, ער הייבט אן צו דאנקען דעם אייבערשטען, פון ארמי אובד אבי, ער הייבט אן פון אנפאנג, וואס איז געווען ביי לבן, וואס עס איז געווען אין מצרים, ביז ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט באקומען זיין נחלה, און עס האט אנגעהויבן צו וואקסן פירות, דאנקט ער דעם באשעפער אויף וואס ער האט באקומען.

**אזוי** אויך דארף זיין דער ראשית השנה. נישט מען קומט צו צום יו"ט, אז עס קומט זיך מיר, איך האב געטוען אזויפיל, איך דארף דאס, איך דארף יענץ. קודם דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען אויף וואס מען האט יא געהאט, נישט זיין קיין כפוי טובה, מכיר טובה זיין אויף דעם חסד וואס דער אייבערשטער האט דיר געטוען ביז יעצט. געווענליך איז מען געוואוינט מכיר טובה צו זיין פארן אייבערשטען ווען דער באשעפער האט אים געגעבן עפעס א באונע"ס, ער האט אים געגעבן עפעס א זאך וואס ער האט זיך נישט גערישט דערויף, און ער האט עס יא באקומען, שפירט ער אז ער דארף דאנקן. אדער ח"ו אויב עס האט זיך געמאכט ביי אים א אומגליק אן עקסידענ"ט, און ער איז ניצול געווארן, ער האט נאר געהאט עפעס שאדן, דעמאלטס שפירט ער אז ער דארף דאנקען דעם באשעפער.

**א** יוד דארף דאנקען דעם אייבערשטען שטענדיג. אז לעבט און אז געפינט זיך אויף די וועלט, איז אלעס א חסד ה'. אז ער קען גיין, און ער קען זיך באוועגען, ער איז ברוך ה' געזונט און ער דארף נישט האבן קיין דאקטער וואס זאל אים היילן, וויפיל חסד ה' ליגט אין דעם, אסאך מער ווי ווען ער איז נישט געזונט געווען, און געדארפט אדורכגיין א רפואה.

**מען** פארציילט נאך, אז עס איז אמאל געווען א יוד, וואס איז געקומען אין בית המדרש און געברענגט תיקון, האט מען אים געפרעגט וואס איז דער תיקון וואס די ברענגסט היינט אין בית המדרש? האט ער געזאגט אז נעכטען איז ער אדורכגעגאנגען דא נעבן דעם בית המדרש אויף דער גאס, און ער האט געהאט א קאר עקסידענ"ט, עס האט אים געגעבן א קלאפ, אבער ער האט זיך תיכף אויפגעהויבן, ער האט ברוך ה' געקענט צוריק קומען דא אין בית המדרש, דאנקט ער דעם אייבערשטען, און ער ברענגט א הודאה.

**דעם** אנדערען טאג קומט אריין א צווייטער יוד, און ער ברענגט אויך תיקון אין דעם בית המדרש. פרעגט מען, וואס איז? זאגט ער, איך גיי שוין אדורך די גאס צוואנציג יאר, און ברוך ה' עס האט נאך קיינמאל גארנישט פאסירט! דארף איך נישט דאנקן דעם אייבערשטען! איך דארף נאר דאנקן דעם אייבערשטען ווען עפעס פאסירט? דעם זעלבן וועג וואס דער יוד גייט, גיי איך שוין אויך אדורך צוואנציג יאר, און עס האט מיר גארנישט פאסירט, דאס איז די הודאה וואס א יוד דארף געבען, נישט זיין קיין כפוי טובה. אפילו ער האט נישט מער ווי איין בוים, איז ער מחויב צו ברענגען ביכורים. פון איין בוים וואס ער האט, איין תאנה, הרואה תאנה שביכרה, לייגט ער ארויף דערויף א גמי, דאס איז ביכורים. ער האט נאר איין בוים, דער חבר האט הונדערטער ביימער, טויזענטער ביימער, און ביידע זאגן די זעלבע זאך. זאגט די תורה, ושמחת בכל הטוב, דו זאלסט דיך פרייען מיט וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, דאס איז געווען דיין חלק דאס האסטו באקומען, דאנק דעם אייבערשטען דערויף, זיי נישט קיין כפוי טובה אויף דעם גוטס וואס דו האסט באקומען.

**אוודאי** דארף מען בעטן, און אסאך בעטן, דער באשעפער זאל געבן מיט אן הרחבה ער זאל געבן וואס מען דארף צו האבן, אבער נישט ווייל עס קומט זיך דיר, נאר מען בעט ווייל מען דארף בעטן. אזוי האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט די וועלט אז מען דארף מתפלל זיין, אבער קודם דארף מען געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אז מען איז ברוך ה' געזונט,

און מען קען קומען ראש השנה אין בית המדרש, דו מיט די בני בית, און די קינדער, און דער באשעפער האט דיך נישט פארלאזט דאס גאנצע יאר, און מען האט געהאט וואס מען האט געדארפט צו האבן.

**און** נאכדעם וואס מען דאנקט דעם אייבערשטען, איז תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו, בעטן ווי א עני, אפילו עס קומט זיך מיר נישט, נאר בעטן אויף ווייטער, מען דארף געבן א הודאה אויפן עבר, און צועק על העתיד.

*

**רש"י** ברענגט צו, אז ווען מען האט געברענגט ביכורים, איז ארויסגעקומען א בת קול און דער בת קול האט געזאגט, הבאת ביכורים היום, דו האסט זוכה געווען צו ברענגען ביכורים היינט, תשנה לשנה הבאה, איבער א יאר זאלסטו אויך זוכה זיין, עס זאל וואקסן פירות, און דו זאלסט קענען ברענגען ביכורים. מען געפינט נישט ביי אנדערע מצות עס זאל זיין אזא בת קול, דו האסט געבלאזן שופר היי-יאר זאלסט קענען בלאזן שופר איבער א יאר. ביי ביכורים געפינט מען יא, הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה, דו האסט געברענגט ביכורים היי-יאר, זאלסט אויך קענען ברענגען דאס קומענדיגע יאר. ער זאגט תשנה לשנה הבאה, ער זאגט נישט תזכה לשנה הבאה, תשנה, איבער'חזר'ן לשנה הבאה ווען דו ברענגסט די ביכורים.

**עס** איז דא א ווארט פון די מיטעל'ן **בעלזא רב זי"ע** ר' יהושע, אז דער פסוק וואס רש"י ברענגט צו, שטייט נישט ביי די מצוה פון ביכורים, עס שטייט נאך די פרשה פון ווידוי מעשר. די דריטע יאר האט זיך א מענטש מתוודה געווען, איך האב אלעס געטוען, ביערתי הקודש מן הבית, איך האב געגעבן תרומה, איך האב געגעבן מעשר ראשון, מעשר שני, מעשר עני, עשיתי ככל אשר צויתנו, און ער בעט השקיפה ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך את ישראל, היום הזה ה' אלקיך מצוך, ושמרת ועשית אותם (דברים כו-טז), זאגט רש"י, אויף דעם זאגט די בת קול, דו האסט געברענגט ביכורים היום, תשנה לשנה הבאה. האט ער זיך געשטעלט, רש"י זאגט עס נישט ביי די פרשה פון ביכורים, רש"י זאגט עס ביי די ווידוי וואס ער זאגט שפעטער. הבאת ביכורים היום? היינט האט ער נישט געברענגט זיין ביכורים, היינט האט ער זיך נאר מתוודה געווען און געזאגט איך האב געברענגט, עשיתי, איך האב שוין געטוען ככל אשר צויתנו.

**האט** דער הייליגער בעלזער רב זי"ע געזאגט, ווען א יוד טוט א מצוה, אוודאי פרובירט ער עס צו טון אויפן שענסטען אופן וואס עס קומט זיך צו טון א מצוה פארן אייבערשטען, תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרב כל (דברים כח-מז), א מצוה דארף מען טון מיט א שמחה, מיט א פרייליכקייט אז מען האט געטוען דעם רצון ה'.

**אבער** ווען עס גייט אדורך נאך די מצוה, הייבט ער אן צו טראכטן, איך האב טאקע דעם יאר מקיים געווען אזויפיל מצות, אבער האב איך עס טאקע געטוען מיט די ריכטיגע שמחה? איז עס געווען מיט די ריכטיגע טוב לבב, אז איך האב געשפירט א זכיה אז איך טו א מצוה? איז עס אפשר געווען ביי מיר א עול וואס איך האב געדארפט טון, איך בין א יוד, איך האב נישט קיין ברירה און איך מוז טון וואס מען דארף צו טון מען הייבט אן איבערטראכטן צי מען האט טאקע געטוען די מצוה ווי עס דארף צו זיין.

**האט** דער הייליגער בעלזער רב זי"ע געזאגט, די מחשבה וואס א יוד האט שפעטער אויף א מצוה אז ער האט עס נישט געטוען ווי עס דארף צו זיין, און ער איז זיך מתחרט פארוואס האב איך אזוי געטוען אזוי די מצוה, איך וואלט עס געדארפט טון שענער, מיט מער הכנה, זיך מער צוגרייטן צו די מצוה. אבער עס איז שוין אדורך, וואס זאל איך טון, איך שטיי שוין נאכדעם. דאס איז א בחינה פון נאנס עליה ולא עשאה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (ברכות ו:), די מחשבה וואס ער האט, אז ווען ער וואלט ווען געקענט, וואלט ער יעצט איבערגעטוען די מצוה אויף א שענערן וועג, טוט דער אייבערשטער מחשיב זיין כאילו ער האט יעצט אזוי מקיים געווען די מצוה.

**ווען** ער האט געברענגט די ביכורים פארן אייבערשטען, ער האט עס טאקע געברענגט, עשיתי ככל אשר צויתנו, ער האט געטוען וואס מען דארף, אבער ווען ער טראכט זיך איבער בשעת די ווידוי, עס איז אדורכגעגאנגען די אלע יארן, איך האב דאס געטוען און דאס געטוען, וואלט איך עס נישט געקענט טון שענער? וואלט איך נישט געקענט ברענגען מיין ביכורים מיט א שטערקערע הודאה פארן אייבערשטען? עס טוט אים ווי פארוואס ער האט עס נישט געטוען שענער. הבאת ביכורים היום, היינט ברענגסטו די ביכורים! די מחשבה וואס דער יוד האט, אז ער איז נישט צופרידן מיט וואס ער האט געטוען, און ווען ער וואלט ווען געהאט די מעגליכקייט וואלט ער עס געטוען נאך מער, דאס איז דער הבאת ביכורים היום, היינט ברענגט ער ביכורים פארן אייבערשטען.

**און** דער בת קול זאגט אים, היי יאר האסטו טאקע אזוי געטוען, היינט האסטו טאקע געברענגט די ביכורים, אבער תשנה לשנה הבאה, די קומענדיגע יאר טו אנדערש, טויש דיך,ווארט נישט אז דאס יאר זאל אדורכגיין און נאכדעם זאגן אנטשולדיגט איך האב עס נישט געטוען ווי עס דארף צו זיין. תשנה לשנה הבאה, איבער'ס יאר זאלסטו זיך טוישן, בשעת דו טוסט די מצוה זאלסטו עס טון מיט די ריכטיגע כוונה. יעצט פארשטייסטו שוין אז דו האסט נישט געטוען די מצוה ווי עס דארף צו זיין, פון היינט אן זאלסטו עס טון אויפן ריכטיגן וועג. תשנה לשנה הבאה, טויש וואס דו האסט ביז יעצט געטוען, וואס הבאת ביכורים היום, בשעת די ווידוי ברענגסטו די ביכורים. נישט בשעת די ווידוי זאלסטו ברענגן די ביכורים, זאלסט ברענגען די ביכורים בשעת מעשה אויף א וועג ווי א יוד דארף מקיים זיין א מצוה.

*

**עס** איז דא א ווארט פונעם פריער'דיגן **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, וואס האט צוגעגעבן צו דעם ענין, האט ער געזאגט, ווי אזוי ארבעט עס? ער האט שוין אפגעטוען די מצוה, און ער שטייט שוין שפעטער, און עס טוט אים ווי פארוואס ער האט נישט געטוען די מצוה ווי עס דארף צי זיין, קען ער יעצט טוישן די מצוה? עס איז הבאת ביכורים היום, היינט האט ער געברענגט די ביכורים? די מעשה האט ער שוין לאנג אפגעטוען, יעצט האט ער נאר א גוטע כוונה. וויאזוי שטעלט מען צוזאם די כוונה מיט די מצוה וואס ער האט געטוען פריער!

**האט** ער געזאגט, אז עס איז שטימט על פי הלכה. די הלכה איז אין מסכת חגיגה (חגיגה כ:), אז בשעת מען האט זיך גע'טובל'ט ווייל מען האט געהאט א טומאה אויף זיך, האט מען זיך געדארפט טובל'ן מיט א כוונה צו וואס פאר א קדושה, צו וואס פאר א טהרה, דו ווילסט זיך טובל'ן. אז מען האט זיך גע'טובל'ט לחולין, נוצט עס נישט פאר תרומה, מען האט זיך גע'טובל'ט פאר תרומה, נוצט עס נישט פאר קדשים. מען מוז אינזין האבן זיך מחזיק צו זיין צו די קדושה וואס ער דארף, צו דעם טובל'ט ער זיך. אויב ער האט זיך גע'טובל'ט צו א קלענערע קדושה, ווען עס קומט א גרעסערע קדושה, מוז ער זיך נאכאמאל טובל'ן צו די גרעסערע קדושה.

**עס** שטייט אין די גמרא, אויב האט ער זיך גע'טובל'ט פאר א קלענערע קדושה, און בשעת ער שטייט נאך אינעם וואסער, די פיס איז נאך אינעווייניג, טראכט ער, ניין איך וויל העכערן די קדושה, איך וויל אז די טבילה זאל זיין אויף פאר קדשים, איז די הלכה אז עס איז געגוג, וויבאלד ער איז נאך עומד בתוך המים, ער איז נאך אינעם וואסער, קען ער מיט די מחשבה, מחדש זיין די טבילה וואס ער איז שוין אדורכגעגאנגען, אז עס זאל זיין ראוי לקדשים. נו, ער האלט דאך שוין נאך די טבילה, טבילה האט אים מטהר געווען, ער איז שוין ארויסגעקומען פונעם וואסער, וויאזוי קען ער יעצט טוישן די טבילה וואס איז געווען פריער? ווייל בשעת מען האלט נאך אינמיטן די מעשה הטבילה, דו ביסט נאך נישט ארויסגעקומען אינגאנצן פון וואסער, קען מען מיט א מחשבה מהפך זיין וואס איז געווען פריער.

**די** זעלבע איז ביי ביכורים, אפילו מען האט שוין געטוען די מצוה, איז נאך אבער דא א מצוה פון ווידוי מעשר, די דריטע יאר דארפסטו זיך מתוודה

זיין, דו האסט נאך נישט געענדיגט, עס איז נאך עודו מתוך המים, דו ביסט נאך אינעם וואסער, אז עס איז נאך עודו בתוך המים, דו ביסט נאך אינעווייניג אינעם וואסער, קענסטו מיט דיין כוונה משנה זיין די מעשה וואס איז געווען פריער. עד כאן פונעם בעלזער רב זי"ע.

*

**איך** זאג יעדעס יאר, דער אייבערשטער האט געמאכט אז דער משפט פון א מענטש איז נישט יעדן טאג, די משפט איז איין מאל אין יאר. ראש השנה נעמט מען צוזאם וואס דו האסט געטוען די פארגאנגענעם יאר, וויפיל מצות, וויפיל עבירות, און וואס עס קומט זיך דערויף. דער סדר פון א מענטש'ס עבודה ענדיגט זיך. יעדעס יאר הייבט זיך אן א פרישע התחדשות, מען גיט אפ א דין וחשבון אויפן עבר, און מען גייט יעצט קובע זיין וואס עס קומט אויפן קומענדיגן יאר.

**אפילו** א מענטש האט נישט געטוען א זאך ווי עס דארף צו זיין, א גאנץ יאר האט ער נישט געטוען די מצות פונעם אייבערשטען אויפן ריכטיגן וועג, אבער ער איז נאך עודו בתוך המים, חודש אלול איז ער נאך עודו בתוך המים, און די מחשבות וואס א יוד האט אין חודש אלול, פארוואס האב איך געטוען די מצוה אויף די וועג, פארוואס האב איך נישט געדאווענט בעסער, פארוואס האב איך נישט געלערענט מער, פארוואס איז נישט מיין שבת געווען אין א העכערע מדריגה, און עס טוט אים וויי, הלוואי וואלט ער עס געקענט איבערטוען. די מחשבה וואס א יוד האט בעודו בתוך המים, בשעת ער איז נאך אינעווייניג אינעם וואסער, ער איז נאך אינעווייניג אין דעם יאר, האט א כח צו מהפך זיין אז עס זאל ווערן גערעכענט כאילו ער האט אזוי מקיים געווען די מצוה בפועל.

*

**איך** האב געזאגט דעם שבת, עס שטייט אין רמב"ם, ווילאנג א יוד איז נאך גאר יונג, איז מען נישט מקיים קיין מצות לשמה, אלץ האט מען א זייטיגע כוונה, א קליין קינד ווען מען בעהט אים עפעס צו טון, צו לערנען, צו דאווענען, דארף מען אים צוזאגן איך וועל דיר געבן א צוקערל. ווען ער ווערט עלטער, פארשטייט ער אז א צוקערל איז שוין נישט קיין עסק, דארף מען אים צו געבן עפעס א פרס, דו וועסט פארן אויף ארץ ישראל, דו וועסט פארן אויף מירון, עפעס וואס זאל אים בארוהיגן ער זאל זיין צופרידן. ער האט שוין דאס אויך געקאסט, דאס איז שוין אויך נישט גענוג, הייבט מען אן צו בעטן באשעפער געב מיר א הויז, קויף מיר א בילדונג, ווי דער סדר פון א מענטש איז. דאס איז אן עבודה שלא לשמה, ער דינט דעם אייבערשטען אז דער באשעפער זאל אים צוריקגעבן.

**נאכדעם** איז דא, מען ווערט נאך עלטער, פארשטייט ער אז דאס איז אויך נישט דאס תכלית פונעם לעבן, מען איז נישט אראפגעקומען אויף די וועלט כדי מען זאל האבן הבלי העולם הזה, דער תכלית איז דאך, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), זוכה זיין צו חיי עולם הבא, טוט ער די מצוה מיט א כוונה ער זאל זוכה זיין צו חיי העולם הבא. יעדע מצוה וואס ער טוט, שפירט ער ביי זיך איך האב עפעס צוגעטוען אז מיין עולם הבא זאל זיין גרעסער, איך האב געהאט א נסיון, א שוועריקייט, און איך האב זיך מתגבר געווען, מיין עולם הבא איז געווארן גרעסער וכדומה. דאס איז אויך א נקודה פון שלא לשמה, עס איז שוין א איידעלערע שלא לשמה, אבער סוף כל סוף טוט ער די מצוות שלא לשמה.

**עבודה** לשמה איז טייטש, בלתי לה' לבדו. שאמר ונעשה רצונו. דער אייבערשטער האט געבעטן, איך טו וואס דער אייבערשטער האט פון מיר פארלאנגט. יא שכר, נישט שכר, עס איז מיר נישט נוגע. אוודאי אונז גלייבן מיר אין שכר ועונש, אבער נישט דאס איז די סיבה פארוואס ער גייט דינען דעם אייבערשטען.

**און** דאס איז וואס עס שטייט אין די פרשה, תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל, די עבודת ה' דארף זיין בשמחה ובטוב

לבב, האלטן פאר א זכיה, איך קען טון א שירות פארן אייבערשטען. א קינד וואס האט ליב זיין טאטען, און ער ווייסט אז דער טאטע וועט האבן א נחת רוח פון א געוויסע זאך, טוט ער עס פארן פאטער, נישט ווייל דער טאטע וועט אים עפעס געבן דערפאר, און נישט ווייל ער וועט באקומען עפעס דערפאר, ער האט אן אייגענע הנאה אז איך האב געקענט טון א נחת רוח פאר מיין טאטען, אזוי דארף צו זיין ביי בנים אתם לה' אלקיכם, אונז דארפן מיר שפירן א הנאה אז מען קען טון א דבר טוב פארן אייבערשטען.

*

**עס** שטייט אין **קדושת לוי**, **שוש אשיש בה'** (ישעיה סא-י), שוש, וואס איז מיין שמחה ווען איך טו א מצוה, אשיש בה', ווייל איך געב אריין א שמחה כביכול אינעם אייבערשטען. דער באשעפער האט א תענוג ווען מען טוט זיין רצון, איך האב א שמחה אז איך קען אריינלייגען כביכול א שמחה אינעם אייבערשטען. א יוד דארף זוכה זיין צו טון די מצוה בלתי לה' לבדו, נאר ווייל אשיש בה'.

**דער** יוד וואס האט געברענגט די ביכורים, עס קומט דאס דריטע יאר און ער הייבט אן צו זאגן זיין ווידוי, איך האב געגעבן תרומות ומעשרות, לא אכלתי באוני ממנו, ולא נתתי ממנו למת, שמעתי בקול ה' אלקי, עשיתי ככל אשר צויתני, איך האב געטוען אלעס וואס מען דארף צו טון, לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי, איך האב גארנישט פארגעסן, און איך האב גארנישט עובר געווען. ער איז זייער צופרידן מיט וואס ער האט געטוען אין משך פון די דריי יאר, און ער גייט עס תיכף איינקעש"ן, רבונו של עולם איך האב געארבעט פאר דיר, דארפסט מיר באצאלן, השקיפה ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך את ישראל, איך דארף א ברכה דערפאר. איך האב דיר געטוען איך דארף צוריק. ווייל אזוי איז דער סדר פון א מענטש, מען פילט איך האב געטוען אסאך גוטע זאכן, ער האלט אז עס קומט זיך אים, מען זאל אים צוריק צאלן.

**זאגט** דער בת קול, הבאת ביכורים היום, דו האסט טאקע געברענגט די ביכורים, דו האסט געטוען וואס דו האסט געדארפט, אבער נישט אזוי רעדט מען צום אייבערשטען, און מען זאגט אים, איך האב געטוען וואס איך האב געדארפט, און יעצט טו דו אויך וואס דו דארפסט צו טון. הבאת ביכורים היום, אבער תשנה לשנה הבא, דאס קומענדיגע יאר רעד נישט אזוי, דאס קומענדיגע יאר ווען די דארפסט זיך מתוודה זיין, זאג נישט עשיתי ככל אשר צויתני, איך האב געטוען אלעס, און יעצט קומט די רייע אויף דיר אז דו זאלסט טון פאר מיר וואס איך דארף. נאר עשיתי, נישט ווייל איך דארף עפעס, נאר ווייל כמו שצויתני, ווייל אזוי האסטו מיך מצוה געווען, וועגן דעם בעט איך דיר אז דו זאלסט מיר העלפן. עס קומט זיך מיר גארנישט, איך בעט, עס קומט ראש השנה, עס איז תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו, מען זאל זיך אויסגיסען דאס הארץ פארן אייבערשטען, נישט ער האט יוצא געווען ידי חובתו. אונז דאנק מיר וויפיל גוטס דער אייבערשטער האט אונז געטוען אין משך פונעם יאר, ברוך ה' מען איז געזונט, די בני בית איז געזונט, און מען האט געהאט פרנסה, מען האט געהאט מער ווי פרנסה, קודם גיט מען א שבח והודאה פארן אייבערשטען, מען איז נישט קיין כפוי טובה אויף די גוטס וואס דער אייבערשטער האט געטוען מיט דעם מענטש.

**ווען** א מענטש בענטשט גומל, זאגט ער הגומל לחייבים טובות שגמלנו כל טוב. ער זאגט נישט דער אייבערשטער האט מיר גומל געווען טובות, ער זאגט לחייבים, עס איז זיך מיר נישט געקומען, איך בין א חייב, דער אייבערשטער איז גומל לחייבים טובות. און ער דאנקט דעם אייבערשטען שגמלנו כל טוב. און ער בעט פונעם אייבערשטען, עס קומט זיך מיר נישט, אבער תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו. ווע עס קומט א עני צו מיר, פרעג איך אים נישט צו ער איז ראוי, צו ער איז נישט ראוי, איך פרעג אים אפילו נישט וויאזוי ער הייסט, און איך קען אים גארנישט, דעסטוועגן דאך ער קומט בעטן, גיט מען אים. דאס איז די מדה פון א יוד, ווען ער געט פאר א צווייטן. בעהט פונעם אייבערשטען חסד, דער אייבערשטער זאל זיך פירן מיט אונז מיטן מדת החסד, און ער זאל אונז געבן וואס אונז דארפף מיר.

*

**די** משנה (אבות ד-יז) זאגט, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא, עס איז בעסער איין שעה תשובה ומעשים טובים בעולם הזה מער ווי גאנץ חיי עולם הבא. גאנץ חיי העולם הבא האב איך נישט קיין השגה וואס דאס מיינט, ווי גוט דאס איז חיי עולם הבא. יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה, איין שעה גן עדן איז מער, ווי אלעס וואס איז דא אויף די וועלט. און פון דעסטוועגן דאך זאגט מען, אז עס איז יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא, די שעה וואס א יוד דאווענט און לערנט און ער טוט תשובה ומעשים טובים, דאס איז בעסער עס איז א גרעסערער תענוג ווי חיי העולם הבא?

**און** די קשיא גייט שטערקער, אויב עס איז אזוי גרויס דער תענוג פון יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, נו קען מען דאך עס נישט באצאלן אין חיי העולם הבא, ווייל די שעה איז מער מכל חיי העולם הבא. וויאזוי באצאלט דער אייבישטער שכר אין עולם הבא, פאר א שעה וואס איז מער ווי גאנץ חיי העולם הבא?

**עס** שטייט אין **שפת אמת**, און איך וועל עס מסביר זיין מיט א משל. ווען א מענטש איז דארשטיג און ער גייט אויס פאר אביסל וואסער, איז ביים אים זייער חשוב א גלאז וואסער. וויפיל איז ווערד א גלאז וואסער? ניטאמאל א פעני, עס קאסט גארנישט. דו וועסט פרעגן איינעם, וואס איז חשוב'ער, א גלאז וואסער צו א גלאז גאלד? וועט ער זאגן עס איז נישט קיין צושטעל. דאס איז נישט ווערד גארנישט, און דאס איז ווערד הונדערטער טויזענטער דאלער. אבער ווען ער איז דארשטיג, און ער דארף טרינקן וואסער, און מען פרעגט אים, וואס ווילסטו ענדערש א גלאז וואסער צי א גאלדענעם זייגער? זאגט ער, וואס האב איך פון גאלד יעצט, איך גיי אויס פאר דורשט, געב מיר א גלאז וואסער ווייל איך בין דורשטיג!

**דאס** איז טייטש, בעצם קען אמאל זיין צוויי זאכן, און יעדער זאגט, אז איין זאך איז גארנישט ווערד, און דאס צווייטע זאך איז ווערד זייער אסאך. אבער ווען א מענטש איז דורשטיג פאר א זאך, דעמאלטס אינטערעסירט אים נישט די גאנצע וועלט, ער דארף יעצט האבן די זאך.

**עולם** הבא איז זייער א חשוב'ע זאך, יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה, אבער א יוד דארף משתוקק זיין צו טון א מצוה, זיין דורשטיג פאר א מצוה! און ווען איך בין דורשטיג פאר א מצוה, אינטערעסירט מיך נישט זילבער און גאלד, עס מאכט נישט ביי מיר קיין שום רושם, ווייל פון דעם האב איך גארנישט, יעצט גיי איך אויס פאר א גלאז וואסער! א יוד דארף זיך בענקן אויף די שעה וואס ער קען טון תשובה פארן אייבערשטען, עס איז א צייט וואס איך קען אלעס מתקן זיין, עס איז א צייט וואס איך קען נאנט ווערן צום אייבערשטען, במתים חפשי, כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצוות, דאס אלעס קען מען ארייכאפן אויף די וועלט, יענע וועלט איז נישט דא גארנישט, אויף די וועלט האט א געוואלדיגן חשיבות יעדע קלייניגקייט וואס א יוד טוט פארן אייבערשטען.

**ביי** א יוד דארף זיין, אז די השתוקקות צו טון א מצוה, זאל זיין ביי אים יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים מכל חיי העולם הבא, ווייל איך גיי אויס פאר די מצוה! איך בין דורשטיג פאר די מצוה! און דאס איז ביי אים מער מכל חיי העולם הבא.

*

**און** דאס איז די עבודה ווען מען שטייט פאר די הייליגע טעג, מקבל זיין אויף זיך איבערצוגיין די מעשים פונעם יאר, וואס ביי יעדער איינער איז גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך ומי מעכב שאור שבעיסה ושיעבוד גליות, און אריין טראכטן וויפיל הכרת הטוב מען דארף האבן פארן אייבערשטען. בעפאר מען גייט בעטן, בעפאר מען גייט מתפלל זיין, אזוי הייבט זיך אן תפילה, לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל (ברכות לב.), מען שפרינגט נישט אריין גראד אינעם דאווענען, קודם דארפסטו מסדר זיין שבחו של מקום, רעכן אויס וואס דער

אייבערשטער האט דיר געהאלפן, וואס דער אייבערשטער האט דיר געטוען, וויפיל דאנק דו דארפסט אפגעבן פארן רבונו של עולם אויף וואס דו האסט יא באקומען. נאכדעם וואס דו האסט מסדר געווען שבחו של מקום, נאכדעם שטעלט מען זיך דאווענען.

**דעם** חודש וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, חודש אלול, דאס איז א מתנה טובה, וואס דער באשעפער האט אונז מזכה געווען מיט אזא מתנה טובה, מען האט צייט זיך איבערצובעטן מיטן אייבערשטען. ביי א מלך בשר ודם איז דאך אינגאנצען נישט דא אזא מושג אז א מענטש זאל קענען מיט איין ווארט זאגן חטאתי, עויתי, פשעתי, און ער גייט ארויס פריי. ביים אייבערשטען טאמער האט מען א אמת'דיג צעבראכן הארץ אויף וואס עס איז אדורכגעגאנגען איבערן יאר, קען מען אלעס אפוואשן. ווי מען האט פריער גערעדט איז ראש השנה דער ראשית השנה, דער אנהייב פון דעם יאר, אז מען איז מקדש דעם ראשית האט עס א כח אויפן גאנצן יאר שפעטער.

**דער** באשעפער זאל אונז געבן די כוחות צו קענען ווייטער אויך טון מצות ומעשים טובים מתוך שמחה וטוב לבב. מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, עס איז נישטא נאך אזא הייליג פאלק ווי כלל ישראל, מען לעבט אין אזא שווערן דור היינט, וואס איז מלא נסיונות, וואס זייט בריאת העולם איז נישט געווען די וועלט אזוי געזינקען ווי היינט, די וועלט האט זיך גארנישט וואס זיך צו שעמען מיטן דור המבול, עס אייניגט זיך, און פון דעסטוועגן דאך ישראל קדושים, מען פרובירט זיך אפצוהיטן וויפיל מען קען, און אלעס קומט אן ביטער שווער. מען איז מגדל די קינדער על דרכי התורה ווייל מען וויל זיין נאנט צום אייבערשטען, עס איז א געוואלדיגע לימוד זכות און א מליצה פאר אונז אלע, אז אין דעם שווערן דור, ווי אזוי אונז קוק מיר אויס, ווילן מיר זיין נאנט צום באשעפער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אונז זאל מיר קענען אויסבעטן ביים אייבערשטען, האבן א פרייליך לוסטיג יאר, א געזונט יאר, נחת ביי די קינדער, און פרנסה בהרחבה מיט אלעם וואס עס פעלט אויס. און אונז זאל מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לבית הר"ר **חנני' יום טוב ליפא** (ב"ר **הערשל**) **שפיץ** הי"ו, וקיבל את קהל אנשי שלומינו למשך כמה שעות לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום שני פרשת נצבים וילך</u>***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל בערקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדק ובמוהלות וברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**אין** ארץ ישראל איז געווען א גרויסע מוהל וואס האט געהייסן ר' יוסל ווייסבערג, ער האט גע'מל'ט טויזענטער קינדער. ער האט מיר אמאל פארציילט, אז ער האט געהאט א ברית ביים **גור'ער רבי זצ"ל דעם בית ישראל**, דער בית ישראל איז געווען א שארפער, און ווען ער איז געקומען צום ברית, רופט ער זיך אן, יוסל ווען וועסטו זיך אליין מל'ן? ער האט שוין פארשטאנען וואס דער בית ישראל מיינט. האט ער אים געזאגט, רבי, עס שטייט (דברים ל-ו) ומל ה' אלקיך את לבבך, עס באלאנגט נישט פאר מיר, עס באלאנגט פארן אייבערשטער. האט אים דער בית ישראל געזאגט, דו ביסט נישט גערעכט, עס שטייט (דברים יד-טז) ומלתם את ערלת לבבכם, עס באלאנגט פאר דיר.

**און** באמת איז עס טאקע א סתירה, דארט שטייט ומלתם את ערלת לבבכם, אז עטץ זאלטס זיך אליין מל'ן, און דא שטייט ומל ה' אלקיך, את לבבך, אז דער אייבערשטער וועט ענק מל'ן?

**נאר** באמת איז עס נישט קיין סתירה. א מענטש דארף אנהייבן אליין, ומלתם את ערלת לבבכם,

אפילו ער קען נישט גומר זיין אלעס, אז ער הייבט אן, אויף דעם איז דא ומל ה׳ אלקיך את לבבך. אז דו וועסט מקיים זיין דעם ומלתם את ערלת לבבכם, וועט דער אייבערשטער מקיים זיין ומל ה׳ אלקיך את לבבך.

**מען** קען צוגעבן דערצו. מילה באשטייט דאך פון צוויי מצות. הסרת הערלה, אוועק נעמען די ערלה. און נאכדעם איז דא דער עור הפריעה, וואס דאס איז די גילוי העטרה, וואס מיט דעם וואס מען טוט אוועקנעמען די עור הפריעה טוט מען מגלה זיין די עטרה. מל ולא פרע כאילו לא מל (שבת קלז:), אפילו מען האט גע׳מל׳ט, אויב מען האט נישט געמאכט קיין פריעה, ווערט עס נישט גערעכנט פאר קיין מילה.

**דער** אייבערשטער פארלאנגט פון א יוד ומלתם את ערלת לבבכם, די הסרת הערלה, דעם סור מרע, דאס דארף זיין פון דיר, אבער עס איז נאך אלץ געבליבן א מסך המבדיל, עס איז נאך דא דער עור הפריעה, און ביז ווילאנג דאס איז נישט אוועק, איז דאך מל ולא פרע, ביז עס איז נישט דא די גילוי, איז כאילו לא מל, אויף דעם איז ומל ה׳ אלקיך את לבבך. אז אונז וועל מיר מאכן די הסרת הערלה, וועט דער אייבערשטער מאכן די פריעה, אז די גילוי פון די קדושה זאל ארויסקומען.

**איך** האב געזעהן שטיין פון **רבי׳ן פון קאצק**, ער האט זיך אויך געשטעלט וואס איז דער ומלתם את ערלת לבבכם, און דא שטייט ומל ה׳ אלקיך את לבבך. האט ער געזאגט, אז עס איז דא צוויי ענינים, עס איז דא ערלת הלב, וואס דאס איז די קליפה וואס איז דא אויפן הארץ, וואס טוט צוריק האלטען דעם מענטש פון ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך, און דאס איז ומלתם את ערלת לבבכם. א מענטש דארף אראפ נעמען די מסך המבדיל וואס איז דא אויפן הארץ נאכדעם איז דא וואס דער אייבערשטער איז מל די הארץ אליין. און די הארץ אליין איז דאך דא א יצר טוב מיט א יצר הרע אינעווייניג, מען געפינט ביי דוד המלך (תהלים קט-כב) ולבי חלל בקרבי, שהרגו ליצר הרע (ב״ב יז.) ומלתם את ערלת לבבכם, עטץ דארפטס אראפנעמען די ערלה, נאכדעם וואס עטץ וועטס אראפנעמען די ערלה, ומל ה׳ אלקיך את לבבך, נאכדעם וועט דער אייבערשטער מל זיין דעם לב אליין. אז דו וועסט טון וואס דו קענסט קען מען צוקומען צו א מדריגה פון ומל ה׳ אלקיך את לבבך. דער אייבערשטער וועט מל׳ן די הארץ אליין, אזוי שטייט פון רבי׳ן פון קאצק.

**עס** קען זיין דער חילוק איז. ביי ומלתם את ערלת לבבכם, שטייט נישט זרעכם, עס שטייט נאר ומלתם את ערלת לבבכם. דא שטייט ומל ה׳ אלקיך את לבבך ואת לבב ׳זרעך׳, מען רעדט פון קינדער אויך. כאטש די תורה רעדט דאך צו יעדן יחיד, עס שטייט נישט דו זאלסט לייגן תפילין דו מיט דיינע קינדער, ווייל די תורה רעדט צו יעדן יחיד. און ומל ה׳ אלקיך את לבבך, רעדט דאך דער אייבערשטער צו די זרעך אויך, מען דארף נישט עקסטער זאגן זרעך, אבער אז מען איז זוכה צו א מדריגה פון ומל ה׳ אלקיך את לבבך, איז דאס נישט נאר אז דער מענטש האט זיך געטוישט, זיין גאנצע שטוב טוישט זיך! זיין ומל ה׳ אלקיך את לבבך, ברענגט, אז עס וועט ממילא מיט דעם צוקומען לבב ׳זרעך׳ אויך ווייל אלעס ווענדט זיך אין די חינוך וואס מען גיט אין דעם שטוב. טאמער עס פעלט פונעם טאטען דער חלק פון ומל ה׳ אלקיך את לבבך, ווייל עס איז נישט דא קיין ומלתם את ערלת לבבכם, וואס פאר א השפעה קען עס שוין האבן אויף די קינדער. אבער אז עס וועט זיין ומלתם את ערלת לבבכם, וועט זיין ומל ה׳ אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך, עס וועט איבערגיין אויך אויף די קינדער.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** למאנסי והשתתף אצל הוואכנאכט של נכדו, בן לחתנו **הרה״ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט״א**, שהתקיים בבית אבי הבן, והתפלל שם מעריב, אחר כך הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים.

במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה, לאחל ברכת מזל טוב

לבעלי השמחה ובראשם רבינו שליט"א, וקראו קריאת שמע כנהוג.

*

***יום שלישי פרשת נצבים וילך***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש נייטרא. עם סיום התפלה התקיימה שמחת הברית מילה לנכד **רבינו שליט"א**, בן לחתנו **הרה"ג רבי יואל וויסמאנדל שליט"א**.

בשמחת הברית נתכבדו בעלי וראשי השמחה: אבי הבן **הרה"ג רבי יואל שליט"א** במוהלות, **הגה"צ אבד"ק נייטרא מאנסי שליט"א** בסנדקאות, **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו תפארת יהושע. בעמידה לברכות, **רבינו שליט"א** בברכות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל **'ישכר דוב'**, על שם זקינו **הרב ישכר בעריש ווייס ז"ל** (בן **הגאון בעל מנחת יצחק זצ"ל**).

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת הברית. – בתוך הסעודה נשאו דברים אבי הבן **הרה"ג רבי יואל שליט"א, הגה"צ אבד"ק נייטרא מאנסי שליט"א**, ואחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה, דער פסוק זאגט ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך און עס איז דא א סתירה, ווייל עס שטייט אויבן (דברים יד-טז) ומלתם את ערלת לבבכם? נאר עס שטייט און די פוסקים, אז ביי א ברית דארף מען נעמען א סכין וואס מען קען שניידן פוןביידע זייטן, ווייל עס שטייט (תהלים קמט-ו) וחרב פיפיות בידם. אין די פוסקים שטייט אז דער טעם דערפון איז, עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול אז וויאזוי דער מוהל וועט נעמען דעם מעסער אין האנט, זאל ער קענען געהעריג שניידן.

**מען** ווייסט אז אין מילת הלב איז דא צוויי ערליי חלקים. עס איז דא וואס א יוד דינט דעם אייבערשטען מיראה, און עס איז דא וואס א יוד דינט דעם אייבערשטען מאהבה. אז מען דינט דעם אייבערשטען מיראה איז טייטש, ער היט זיך אפ פון אלעס וואס די תורה האט געהייסן, ער איז מקיים יעדע מצוה, אבער ער האט נישט קיין ברירה, ער איז דאך א יוד, עס איז דא שכר ועונש וכדומה, פרובירט ער זיך צו צושטעלן וויפיל ער קען.

**נאכדעם** איז דא א מדריגה פון אהבת ה'. ער האט ליב דעם אייבערשטען, ער איז צוגעקומען צו א מדריגה פון ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך. אזויווי א קינד וואס האט ליב א טאטען טוט ער פאר דעם טאטען זיין רצון. צו ער וועט יא עפעס באקומען דערפאר, צו נישט, ער טוט עס מאהבה.

**מילת** בשר וואס מען מל'ט דאס קינד איז כדי ער זאל קענען שפעטער צוקומען צו ומלתם את ערלת לבבכם, ער זאל קענען מל'ן די ערלת הלב. א גאנץ לעבן פלאגט מען זיך מיט די ערלת הלב וואס מען האט, און דורכדעם וואס מען מל'ט א קינד, טוט מען אין אים אריינלייגן א קדושה, און די קדושה העלפט אים צו, ער זאל קענען שפעטער מקיים זיין די צווייטע מילה פון ומלתם את ערלת לבבכם. עס שטייט אין ספרים אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, נאר אז מען האט זיך קודם געמ'ל'ט, התהלך לפני, דעמאלטס קען זיין והיה תמים. קומט אויס, יעדע מילה האט אין זיך א כח אז ער זאל קענען שפעטער מקיים זיין דעם ומלתם את ערלת לבבכם.

*

**מען** זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז אמאל האט מען גערעדט וועגן די חשיבות פון גיין אין מקוה. האט ער געזאגט, אז מען זעהט אז א גר קען נישט אריינקומען אין כלל ישראל ביז ער טובל'ט זיך קודם. איז טייטש, אז טבילה האט א כח צו מאכן פון א גוי א יוד. ער ווערט נישט קיין גר ביז ער טובל'ט זיך. האט ער געזאגט, אז עס האט א כח צו מאכן פון א גוי א יוד, האט עס דאך א כח צו מאכן פון א פשוט'ן יוד א דערהויבענער

יוד. איז ווען א יוד מל'ט זיך, איז דאך א כל שכן אז עס ברענגט אים צו א דערהויבענקייט, אז ער זאל קענען ווערן א בעסערער יוד. כדי מען זאל קענען מקיים זיין ומלתם את ערלת לבבכם, דארף מען האבן קודם די מצוה פון מילה.

**קומט** אויס אז יעדע מילה האט אין זיך צוויי מילות. עס האט די מילה וואס מען מל'ט דאס קינד, און עס האט דעם כח ער זאל קענען מקיים זיין שפעטער ומלתם את ערלת לבבכם. פ"ה איז בגימטריא מיל"ה. מען נעמט א סכין וואס האט שתי פיפיות, עס האט איין פה פון מילה דאס מל'ט מען יעצט, און עס איז דא נאך א מילה, די אנדערע זייט פונעם סכין, וואס דאס איז אויף ומלתם את ערלת לבבכם.

*

**דער אורח לחיים**, ברענגט צו פונעם **רבי ר' בער**, אז מען קען נישט זוכה זיין צו די מדריגה פון אהבה, נאר אז מען האט זיך קודם משלים געווען אין די מדה פון יראה. אהבה, דאס איז א מתנה פונעם אייבערשטען. נאכדעם וואס א מענטש איז זיך משלים זיין גוף אין יראת ה', קען ער צוקומען צו אהבת ה'. און ער ברענגט צו פונעם רבי ר' בער, אז דאס איז דער רמז אין די גמרא (קידושין ב:) דרכו של איש לחזור אחר אשה. אשה איז יראה, אשה יראת ה' היא תתהלל, איש דאס איז די מדריגה פון אהבה. דרכו של איש לחזור אחר אשה, נאכדעם וואס א מענטש האט זיך אויסגעארבעט אין מדת היראה, דער גוף איז אים מזוכך, ער האט נישט געטון קיין עבירות, ער האט געטון מצות, קען ער צוקומען צו א מדריגה פון אהבה.

**דער זיידע ז"ל** זאגט אין **ולאשר אמר**, אשה כי תזריע וילדה זכר, אז דער מענטש נעמט אויף זיך די מדה פון אשה כי תזריע, די מידה פון יראה, וועט ער נאכדעם צוקומען צו די מדה פון וילדה זכר, די מדה פון אהבה, עס וועט זיין דרכו של איש לחזור אחר אשה.

**קומט** אויס אז עס איז דא ביידע מדריגות. א יוד דארף מקיים ומלתם את ערלת לבבכם, דאס איז די מדה פון יראה, נאכדעם קומט א ברכה ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך לאהבה את ה' אלקיך, דער לאהבה את ה' אלקיך, דאס טוט דער אייבערשטער. עס איז נישט קיין סתירה, עטץ דארפסט טון ומלתם את ערלת לבבכם, דארט שטייט נישט קיין אהבת ה', נאר ומלתם את ערלת לבבכם. נאכדעם דארף זיין ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך, דאס טוט דער אייבערשטער, ווען א יוד ארבעט זיך אויס אין די מדה פון יראה, קומט ער צו, צו די מדריגה פון אהבה.

*

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי ישיבה גדולה להיבחן אצל **רבינו שליט"א** על מסכת כתובות שלמדו במשך השנה

*

***<u>יום רביעי פרשת נצבים וילך</u>***

בשעות אחר הצהרים חזר **רבינו שליט"א** למעון קדשו בוויליאמסבורג, אחר ששהה במשך ימי הקיץ בקרב תלמידי ישיבתנו הק' במחנה מתיבתא נחלת יעקב.

*

***<u>שבת קודש פרשת נצבים וילך</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **טובי' ליכטמאן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.